# אלועלר שטיינבערגס
# געזונגענע לידער

תשל״ז רחובות 1977

7/76332

# תּוכן

עמוד

3

קליין און ריין איז אונדזער שטיבל 4

אויפֿן אַקסל מיט צוויי קאַנען 6

אויף אַ שטיין 8

משהלע-קוישעלע לאָמפּאַפּיר 10

איינס און צוויי איז דרײַ 12

זײַט געזונט 14

זיצט אַ שטילע פֿרומע נאַכט 16

וויינט ניט, וויינט ניט, גאָטס יתומים 18

אויף די גרעזעלעך 20

אַרבעט יוסף בײַ מַגבָאין 22

פֿאַר אַ גלעזל זאַפּט פֿון טרויבן 24

בײַ די טויערן פֿון גן-עדן 26

צאַפּל, צאַפּל, פֿישעלע 28

די צאָל לידערטעקסטן פֿון אליעזר שטיינבאַרג אין אַ לבֿוש פֿון ניגונים דערגייט ביז אַ צוויי צענדלינג. אין איצטיקן אַלבאָם זענען דערפֿון אָפּגעקליבן דרײַצן אַזעלכע וואָס האָבן דערהיט ניט-געמינערט זייער לכתּחילהדיק געשטאַלט. זעקס פֿון די טעקסטן זענען אַ טייל פֿון שטיינבאַרגס אלף-בית (אַרויס אין טשערנאָוויץ 1921), וואָס אין איינעם מיט זײַן אלפֿון (אַרויס אין טשערנאָוויץ תרפ״א) איז דאָס געווען די ערשטע מדריגה פֿון אַן אייגנעם דרך אין ייִדישער פּעדאַגאָגיק, פֿול מיטן חן און חסד פֿון גרויס בקיאות אין ייִדישן לערנען. זיבן פֿון די טעקסטן זענען פֿון שטיינבאַרגס פּיעסע יוסף מוקיר שבת: זי איז געשטעלט געוואָרן אין טשערנאָוויץ אין די יאָרן 1921/1920. די פּיעסע איז קיין מאָל נישט געדרוקט געווען; אַ קאָפּיע איז פֿאַראַן אין אליעזר שטיינבאַרג-עזבון בײַם ירושלימער אוניווערסיטעט.

12 פֿון די ניגונים (מיט די טעקסטן) זענען אַרויסגענומען פֿון אַ זאַמלונג לידער מיט ניגונים, אַן ערך צוויי הונדערט, וואָס די טשערנאָוויצער זינגערין דאָלי ענגעל-שלייער האָט פֿאַרשריבן אין רומעניע אין משך פֿון די יאָרן 1947–1960 (זיי זענען הײַנט אין מײַן רשות). דעם ניגון צום ליד „משהלע-קווישעלע" האָט פֿאַרשריבן יעטי האַלם-לויפֿער בײַ איזיו שערף אין ישׂראל (זי געדענקט אַגבֿ אַליין אויך אַלע דאָ געבראַכטע ניגונים).

אַחוץ דעם ניגון פֿון „זײַט געזונט" וואָס איז פֿון שׂמחה שוואַרץ ז״ל, איז קיין מחבר (אָדער מחברים) פֿון די ניגונים ביז אַצינד נישט באַקאַנט געוואָרן. לויט משולם סורקיסן ז״ל האָט די מוזיק צו דער פּיעסע „יוסף מוקיר שבת" געמאַכט איינער לײַוונטמאַן פֿון באַסאַראַביע; דיריגירט האָט דער קאַפּעל-מײַסטער עליאַס פּיסטינער פֿון וויזשניץ, בוקאָווינע (זײַן נאָמען ווערט אָנגערופֿן אינעם דערמאָנטן שטיינבאַרג-עזבֿון).

די נאָטן פֿאַר דער איצטיקער קאָלעקציע האָט איבערגעשריבן יעטי האַלם-לויפֿער. דאָס שער-בלאַט און די צייכענונגען האָט געמאַכט איזיו שערף. חיים גינינגערן דאַנק איך פֿאַר העלפֿן מיר צוגרייטן דעם כּתבֿ-יד צום דרוק.

1977 – רחובות, ישׂראל – תשל״ז

הערש סגל



# קליין און ריין איז אונדזער שטיבל





קליין און ריין איז אונדזער שטיבל,
ליכטיק איז דאָס אויך.
און פֿון קוימענדל צום הימל
דריידלט זיך אַ רויך.

דריי זיך, רויכל, הייב זיך, רויכל,
דריי זיך, הייב זיך הויך!
וווּ סע דריידלט זיך אַ רויכל
ברענט אַ פֿײַערל אויך.



אויפֿן פֿײַערל עפעס קאָכט זיך,
עפעס דאָרטן זידט.
פֿאַרטיק וועט דאָס באַלד שוין ווערן –
פֿאַרטיק אונדזער ליד.

(פֿון אלף-בית, טשערנאָוויץ, 1921, ע׳ 89)

# קליין און ריין איז אונדזער שטיבל

*Andante*






(ע' 89)



## אויפֿן אַקסל מיט צוויי קאַנען



אויפֿן אַקסל מיט צוויי קאַנען
טוט אַ בער צום ברונעם שפּאַנען.
כאַ-כאַ-כאַ! כאַ-כאַ-כאַ!

שיין די קענדעלעך יאָ, יאָ,
נאָר זיי האָבן ניט קיין דנאָ,
שעפּט ער, שעפּט צוויי טעג כּסדר,
גרינג די קענדעלעך — אַ פֿעדער.
כאַ-כאַ-כאַ! כאַ-כאַ-כאַ!

ווערט ער בייז און הייבט אָן ברומען:
טפֿו, דאָס וואַסער הינגעקומען!
ניט געבליבן איז אַ לעק!
און ער שפּייט און גייט אַוועק.

(פֿון אלף-בית, טשערנאָוויץ 1921, ע׳ 47)

אויפֿן אַקסל מיט צוויי קאַנען






# אויף אַ שטיין



אויף אַ שטיין
זיצט אַ רעטעך מיט אַ כריין .
זאָגט דער רעטעך:
עטעך־בעטעך,
ס'איז דער הימל אַזוי ריין –
לאָמירביידע טאַנצן גיין!

באַלד געוואָרן איז אַ פֿרייד
און געלאָפֿן קינד־און־קייט.
ס'טאַנצט אַ רעטעך מיט אַ כריין,
ווי־זשע לויפֿט מען דאָס ניט זען ?
משיחס צײַט, האָט מען געמיינט ,
און מע האָט פֿאַר פֿרייד געוויינט.

איך בין אויכעט דאָרט געווען.
צוגעשטופּט האָב איך זיך שווער
און כ'האָב אויך געלאָזט אַ טרער.

( פֿון אלף־בית , טשערנאָוויץ , 1921 , ע' 124 )






(124 'ע ,1

# משהלע-קוישעלע לאָמפּאַפּיר

משהלע-קוישעלע לאָמפּאַפּיר-
גייען גענדזלעך אויף שפּאַציר.



שטייט אַ האָן אויף הויכן פּלויט
און זײַן מיצל פֿײַער רויט.

ר׳האָט אַ מאַנטל סאַמע גאָלד
און פֿון אונטן מיט אַ טראָלד.



טוט די גענדז ער כּבֿוד אָן:
קוקוריקו, שרײַט דער האָן,
אַ גוט-מאָרגן זאָגט ער זיי.
טוען זיי אויף אַ געשריי:
גו-גו-גו-גו-גוטן טאַך!

גוטן טאַך!
אַז סע ציטערט אַזש דער דאַך.



(פֿון אלף-בית, טשערנאָוויץ, 1921, ע׳ 90)






( 1921, ע' 90 )

# איינס און צוויי איז דרײַ




איינס און צוויי איז דרײַ
און נאָך איינס איז פֿיר -
שטייט אַ שטיבעלע געבויגן
אָן אַ דאַך און אָן אַ טיר.

פֿיר און איינס איז פֿינעף
און נאָך איינס איז זעקס -
דאָרט אַ מאָל געוווינט אַ קאָטער,
האָט געבאַקן ער געבעקס.




וווּ זשע האַלטן מיר? בײַ זעקס?
זעקס און איינס איז זיבן -
וועגן דעם אַ שיינע מַעשׂה
וואָלט די קאַץ געשריבן.

זיבן, אַכט און נײַן
און נאָך איינס איז צען -
קען די קאַץ זיך ניט דערמאָנען
וואָס און ווער און ווען.



(פֿון אלף-בית, טשערנאָוויץ, 1921, ע׳ 71)


איינס און צוויי איז דריי
LARGO
פֿיר איז איינס נאָך און דריי איז צוויי און איינס



6 + 1 = 7
7, 8, 9 + 1 =







# זײַט געזונט

זײַט געזונט! גענוג געלערנט!
איצטער װעלן מיר פֿאָרן
װידער אויף אַ זומער־װוינונג,
דאָס יאָר װי פֿאַר־יאָרן

דאָרט איז דאָ אַ װעלדל — גײט מען
יאַגעדקעלעך קלויבן.
און אַ טויבנשלאַק איז דאָ דאָרט,
װאָרקען אין אים טויבן.

אוי איז גוט אין גרינעם טאָל דאָרט
באָרװעס זיך צו שפּילן,
און זיך באָדן דאָרט אין טײַכל,
װאָס סע דרייט צװיי מילן.

אויף אַ דאַך צװיי בושיקעס דאָרט
שטייען אויף איין פֿיסל.
דורך אַ שװעלבעלע געשיקט זיי
נעכטן אונדז אַ גריסל.



און באַפֿוילן: שוין געקומען
זענען זיי פֿון חרן,
און זיי װאַרטן לאַנג אויף אונדז שוין.
זײַט געזונט! מיר פֿאָרן!

(פֿון אלף־בית, טשערנאָװיץ 1921, ע' 147)

## מײַן געמיט






(...נאָוויץ 1921, ע' 147)

# זיצט אַ שטילע פֿרומע נאַכט

זיצט אַ שטילע פֿרומע נאַכט
אויף אַ הויכן באַרג און טראַכט.

נאַכט, וואָס טראַכטסטו, זאָג אונדז, זאָג!
נאַכט פֿאַרבענקט זיך נאָכן טאָג.

נאַכט געבענטשטע, זאָרג זיך ניט.
סגייט דער טאָג שוין, הער זיין טריט.
הַלְלוּיָהּ!



(פֿון יוסף מוקיר שבת, עזבון)


ANDANTE

# וויינט ניט, וויינט ניט, גאָטס יְתוֹמים

וויינט ניט, וויינט ניט, גאָטס יְתוֹמים,
וואָס די נאַכט איז שוואַרץ –
ז'האָט אַ גילדן האַרץ.
הַלְלוּיָה !

וויינט ניט, וויינט ניט, גאָטס יְתוֹמים,
איר אַ סַך האָט טרערן –
און גאָטס נאַכט פֿיל שטערן.
הַלְלוּיָה !

וויינט ניט, וויינט ניט, גאָטס יְתוֹמים.
וואָס גאָטס נאַכט איז גרויס –
טאָג שלאָפֿט אין איר שויס.
הַלְלוּיָה !

וויינט ניט, וויינט ניט, גאָטס יְתוֹמים.
זעט דער טאָג געטון אַ וווּנק –
און אויף יעדער בלום אַ פֿונק.
הַלְלוּיָה !

(פֿון יוסף מוקיר שבת, עִיזָבוֹן)

ווינט ניט, ווינט ניט, גאָטס יתומים



# אויף די גרעזעלעך

אויף די גרעזעלעך,
אויף די גרעזעלעך,
ברענען פֿערעלעך
מאַמעס טרערעלעך:
ס׳פֿליט אַ מלאכל —
ס׳ערשטע שטראַלעכל

מעקען קינדערלעך
שאָף און רינדערלעך;
שאַט, בהמהלעך,
פֿון די ביימעלעך
זינגען פֿייגעלעך
בלאָע-אייגעלעך.

גרינע פֿעלדעלעך,
פֿרישע וועלדעלעך —
און גאָטס פֿידעלער
שפּילן לידעלעך.



(פֿון יוסף מוקיר שבת, עיזבון)

# אויף די גרעזעלעך







# אַרבעט יוסף בײַ מַגבָּאין



אַרבעט יוסף בײַ מַגבָּאין,
אַרבעט ווי אַן אָקס ער,
און ער שפּײַזט אַ גאַנצע וואָך זיך
מיט אַ טעפּל באָקסער;

מיט אַ טעפּל דאַרע באָקסער
און אויך מיט אַ ציבל,
קומט צו גיין דער שבת-קודש
ליכטיק אין זײַן שטיבל.



פֿלייש און פֿיש און פֿרישע חלה
און אויך ווײַן אויף קידוש,
און אַן אורח אויך אויף שבת,
ווי סע פֿירט זיך ייִדיש.

איין מאָל קויפֿט לִכְבוֹד שבת
ער אַ פֿיש אַ שווערן:
ברענגט דער פֿיש פֿון טיפֿן אָפּגרונט
יוספֿן אַ שטערן.



( פֿון יוסף מוקיר שבת, עִזָבוֹן )


ארבעט יוסל בײַ מאַגאַזין
ANDANTE RECITATIVO





# פֿאַר אַ גלעזל זאַפֿט פֿון טרויבן



פֿאַר אַ גלעזל זאַפֿט פֿון טרויבן
אַלע שטערן פֿונעם הימל!
אין איין גלעזל זיבן גליקן!
פֿרייד צום האַרץ, די אויגן — דרימל.

ווען דער ווײַנשטאָק ווערט אַ כַּלה,
ווערן וויל איך באַלד אַ חָתן;
ווען דער יַם איז זאַפֿט פֿון טרויבן,
ווערן וויל איך אַ לִוויָתן.





קוק אַרײַן איך אין מײַן גלעזל,
זע איך זונען צו מיר ווינקען;
כ׳גיס אַרײַן אין מיר דאָס גלעזל,
האָב אַ זון איך אויסגעטרונקען.

אין מײַן האַרץ די זון צעפֿלאַקערט,
מײַנע אויגן פֿונקען שיסן.
וויל די שׂרֵיפֿה איך אָפּלעשן,
נעם איך גלעזלער אין מיר גיסן.





(פֿון יוסף מוקיר שַבת, עִיזָבוֹן)


MODERATO CON SENTIMENTO



# בײַ די טויערן פֿון גן-עדן



בײַ די טויערן פֿון גן-עדן,
אויף אַ גאָלדן טרעפּעלע,
שטייט אַ מלאכל, מע רופֿט עס
קוטשעראַווע קעפּעלע.

אויפֿן טרעפּעלע דאָרט שטייט עס
מלא חן און חנדעלעך
און אין ים אין בלאָעם וואַרפֿט עס
שטערנדלעך ווי שטיינדעלעך.

נעם מײַן טעכטערל איך צוואָגן -
גיב מײַן גאָט איר יאָרעלעך! -
קומט צו פֿליִען דאָס מלאכל
און קושט איר די האָרעלעך.

נעם מײַן מיידעלע איך קעמען
און פֿאַרפֿלעכט איר צעפּעלע.
קומט צו פֿליִען דאָס מלאכל
און קושט איר אין קעפּעלע.





(פֿון יוסף מוקיר שבת, עזבון)

# בײַ די טײַכן פֿון גן־עדן



# צאַפּל, צאַפּל, פֿישעלע



צאַפּל, צאַפּל, פֿישעלע.
אונטער שאַרפֿן מעסערל,
דו אין טיפֿן טײַכעלע
ביסט געווען אַ פֿרעסערל.

ביסט געווען אַ רשעלע –
ווײ צו דײַנע גלידערלעך ! –
האָסט געשלונגען פֿישעלעך,
דײַנע אייגענע ברידערלעך.



האָסט מיט קליינע ברידערלעך
אָנגעפֿילט דאָס בײַכעלע,
ביסט אַרײַן אין נעצעלע
און אַרויס פֿון טײַכעלע.

קום זשע, קום זשע, פֿישעלע,
קום, דו זינדיק בײַכעלע,
שבת אויף מײַן טישעלע
וועסטו זײַן אַ מאכלע.



( פֿון יוסף מוקיר שבת, עזבון )






(עזבון